שנה ד׳
נומער 172
**פרשת בה״ב**
תשפ״ג

# קריית ברסלב בלעטל

געדאנקען:
בארבערא

מיט א טיפערן בליק:
פת שחרית אין קערעסטיר

ענינא דיומא:
כ״א אייר יום הולדת
מוהרא״ש ז״ע

## הייב אן מעביר סדרה זיין פון אנהויב וואך יעדן טאג אביסל, וועסטו האבן הצלחה

# חזק חזק ונתחזק





**היכל הקודש נייעס**
ל"ג בעומר תשפ"ג העבר עלינו לטובה
4



**געדאנקען**
בארבארא



**א מעשה פון תפילה**
הערליכע מעשיות פון תפילה פון אנשי שלומינו
4




**א שיחה פון דער ר"ר**
שווערע צייטן
5



**ענינא דיומא**
כ"א אייר יום הולדת מוהרא"ש זי"ע
14



**מיט א טיפערן בליק**
פת שחרית אין קערעסטין
15



# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
**מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.**

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**


## זמנים Liberty
בה"ב כ"ב אייר תשפ"ג

הדלקת הנרות......... 07:50
מוצאי שבת ............ 09:22

**מנחה מעריב במדבר ... 09:05**


# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**דער ראש ישיבה שליט"א ומשפחתו**

**צום אפשערן פון א אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שלמה רוטה הי"ו**
**וזוגתו פריידל תחי'**

**צום אפשערן פון הילד נחמן נתן למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט


## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 05 | 54°/38° | Cloudy | |
| Sat 06 | 60°/41° | Partly Cloudy | |
| Sun 07 | 66°/44° | Mostly Sunny | |
| Mon 08 | 68°/46° | Partly Cloudy | |
| Tue 09 | 70°/48° | Partly Cloudy | |
| Wed 10 | 72°/51° | Partly Cloudy | |
| Thu 11 | 71°/52° | PM Showers | |
| Fri 12 | 72°/52° | PM Showers | |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

# היכל הקודש
# נייעס

מירון

## ל"ג בעומר תשפ"ג העבר עלינו לטובה



גאר א דערהויבענעם ל"ג בעומר איז אריבער אויף אלע אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר און אויף גאנץ כלל ישראל.

אידן פון איבער די גאנצע וועלט זענען געפארן צו רבי שמעון קיין מירון אינעם פונעם טאג פונעם גרויסן טאג די יומא דהילולא קדישא ל"ג בעומר, צו מיטהאלטן דעם גרויסן טאג סמוך ונראה צום הייליגן ציון, וואס איז א פלאץ צו פועל'ן ישועות ורפואות למעלה בדרך הטבע.

מוהרא"ש שרייבט אין ספר אוצר ל"ג בעומר אז אלע וואס קומען צו רבי שמעון ל"ג בעומר פארטיילט רבי שמעון געוואלדיגע מתנות טובות, ווייל דאס איז אזוי ווי א טאג וואס א מענטש האט חתונה, וואס דעמאלט איז מען זייער פרייליך און מען טיילט מתנות פאר אלע משתתפים, ל"ג בעומר איז די חתונה ביי רבי שמעון און דעמאלט פארטיילט ער מתנות פאר אלעמען, נאר פארן קומען אליין - אפילו אן דעם וואס ער זאל האבן געזאגט תהלים ביים ציון וכדומה, די קומען אליין זיך משתתף זיין ביים שמחה איז שוין א געוואלדיגע זאך.

אזוי אויך אידן פון די גאנצע וועלט וואס זענען נישט געווען אין מירון האבן זיך מדבק געווען מיט רבי שמעון דורכ'ן לערנען זיין הייליגן ספר זוהר און דארט בעטן פאר די ישועות וואס מען דארף.

דער ראש ישיבה שליט"א איז ארויסגעפארן קיין ארץ ישראל דינסטאג אמור, כדי צו מיטהאלטן דעם הייליגן טאג ל"ג בעומר אין מירון.

דאנערשטאג אמור ביינאכט - פסח שני איז פארגעקומען אין מירון די שמחת הבר מצוה פון הבחור נחמן נתן נרו יאיר א זון פונעם ראש ישיבה שליט"א, אסאך פון אנשי שלומינו אין ארץ ישראל זענען געקומען זיך משתתף זיין ביי די שמחה, זיך מיטצופרייען מיט די שמחה ביים ראש ישיבה שליט"א, וואס גיבט אונז אזוי סאך חיזוק און שכל פארן לעבן א גאנץ יאר אויף טריט און שריט, דער ראש ישיבה האט זיך זייער געפריידט צו יעדן איינעם בפרטיות וואס איז געקומען מיטהאלטן די שמחה, און אנגעוואונטשן שיינע ברכות.

שבת קודש אמור האט דער ראש ישיבה זיך אויפגעהאלטן אין מירון ביי זיין טאטע קארלסבורגער רב שליט"א, אסאך פון אנשי שלומינו האבן מיטגעהאלטן דעם שבת אין מירון, און הנאה געהאט צו טרעפן דעם ראש ישיבה שליט"א נאכן זיך נישט טרעפן פאר א לענגערע צייט.

ל"ג בעומר האט דער ראש ישיבה שליט"א אפגעשוירן א אייניקל נחמן נתן נרו יאיר בן הרב שלמה שליט"א, און במשך דעם טאג האט דער ראש ישיבה מתפלל געווען ביים ציון פאר יעדן איינעם בכלליות ובפרטיות, אזוי אויך האט דער ראש ישיבה אסאך געטאנצן און זיך געפריידט אז מען איז מקורב צו אזא גרויסע רבי וואס גיבט אונז אזאנע שיינע עצות אין לעבן, ובפרט די עצה פון סדר הלימוד, וואס לכבוד דעם האט ער האט זוכה געווען צו לערנען אסאך אסאך זוהר הקדוש במשך דעם יאר מיט זיינע חשובע קינדער שיחי'.

במשך די טעג פון פאר און נאך ל"ג בעומר האט דער ראש ישיבה אויסגענוצט צו טרעפן אנשי שלומינו אין פארשידענע פלעצער און זיי מחזק זיין אויף צו לערנען און דאווענען, אזוי ווי דער רבי' לערנט אונז, ובפרט האט דער ראש ישיבה מחזק געווען אנשי שלומינו מען זאל זיך אויפרישן מיט די געוואלדיגע עצה פון רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, וואס דאס ראטעוועט דעם מענטש פון יעדע צרה וואס טרעפט אים אן.

די שיינע טעג וועט זיכער נישט פארגעסן ווערן אזוי שנעל, און ווערט ברענגען מיט זיך אסאך השפעות טובות אויף ווייטער פאר יעדן איינעם.



# מעשיות פון תפילה

## לייבי ראטה - קרית ברסלב:

איך האב געדארפט קויפן א נייע קאר, ווער ס'איז שוין אמאל אדורך אזא פראצעדור ווייסט אז ארויסנעמען א קאר קען אמאל נעמען זייער לאנג, און אסאך מאל לאזן זיי דיך ווארטן און צום סוף ווערסטו בכלל נישט עפראווד.

כמעט אזא מעשה האט זיך אפגעשפילט ביי מיר, קודם האבן זיי מיך געבעטן אלע מיינע דאקומענטן און פאפירן, נאכדעם האבן זיי מיך געלאזט ווארטן א שטיק צייט, און צום סוף האט שוין אויסגעקוקט ווי איך גיי נישט עפראווד ווערן.

האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא קענען באקומען די קאר אויף מיין נאמען, איך האב אפילו צוגעזאגט אז איך וועל פארשפרייטן די מעשה אין די קרית ברסלב בלעטל, און יא! שכח אייבערשטער די קאר איז עפראווד געווארן.

## שלום אלי' אינדיג - מאנטריאל:

די ערשטע טאג יום טוב איז פארגעקומען א מאסיווע קורצשלוס אין א גרויס חלק פון קאנאדע, ווי איר קענט אייך אליין פארשטעלן איז יום טוב פסח אן לעקטער נישט די מערסט באַטעמ'טע זאך, פארשטייט זיך די ליכטיגקייט פון פסח האט מען ווייטער געשפירט כאילו לא הי', אבער קיין לעקטער איז נישט געווען.

איך מיט מיין טייערע זון נרו יאיר האבן אריינגעלייגט גאר אסאך תפלות אז די לעקטער זאל זיך שוין אנצינדן, די גאנצע צייט האט מען נאר געבעטן אויף דעם, מיר זאלן צוריק באקומען די לעקטער.

דער אייבערשטער האט טאקע צוגעהערט אונזערע תפלות, די צווייטע טאג יום טוב האט זיך די לעקטער געגעבן א צינד אן, פון איין מינוט אויפן צווייטן, "שכח אייבערשטער!" האט זיך נאטורליך ארויסגעשריגן פון אלע תלמידי היכל הקודש איבער קאנאדע והגלילות.

ולכל בני ישראל היה אור במושבותם.

## אלי' ציג - וויליאמסבורג:

א טיפישע וויליאמסבורג מעשה פון תפלה; איך בין ארומגעפארן די גאס פון מיין הויז איינמאל, און נאכאמאל, און נאכאמאל, די סיבה פארוואס איך האב געטון אזא אינטערעסאנטע זאך איז געווען פשוט ווייל איך האב געזוכט פארקינג.

איך האב מיך ארומגעדרייט אין די וויליאמסבורגע גאסן זוכן פארקינג שפעט אין די נאכט אריין, אינמיטן כאפ איך מיך: 'אלי! האסט נאכנישט געבעטן דעם אייבערשטן!' איך רוף מיך אן: "הייליגע באשעפער, טרעף מיך א פארקינג ספאט נעבן מיין הויז", איך פאר ווייטער און איך זע א שיינע גרויסע פארקינג ספאט, ער בעט זיך ביי מיר איך זאל אריינפארקן אין אים, פארשטייט זיך איך האב אים נישט אפגעזאגט. שכח אייבערשטער פאר די מעשה פון תפלה!

## אלחנן זויבערמאן - צפת:

פאריגע וואך האט זיך גענדיגט די מעשה פון תפילה אז זיי האבן מיר געזאגט אז איך קען קומען אפנעמען דעם פעקל אין פאסט אפיס. למעשה קום איך אן אין פאסט אפיס און זיי זאגן אז מ'קען נאר קומען מיט אן אפוינטמענט.

איך האב נישט קיין כוח צו ווארטן ביז איך קען באקומען אן אפוינטמענט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס יא קענען באקומען, און שכח אייבערשטער אפאר מינוט שפעטער האט ער געזאגט אז איך דארף נישט האבן קיין אפוינטמענט ווייל ס'איז אן אנדערע מין פעקל, גאנצעטע תירוצים האט ער זיך פארענטפערט, און איך האב געקענט אהיימגיין דערמיט.

שכח אייבערשטער!

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ז אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; נִישְׁט אַלֶעס קֶענֶען מִיר פַארְשְׁטֵיין, מִיר דַארְפְן וויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן אַ פְּרִיוַואטֶע שְׁאֵלָה: **"הָאסְטוּ שׁוֹין הַיינְט גֶעעֶפְנְט אַ אִידִישׁ סֵפֶר?"** דוּ גֵייסְט אוּן דוּ קוּמְסְט, דוּ בִּיסְט פַארְנוּמֶען מִיט אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט, אַלֶעס וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שַׁייכוּת מִיט דִיר, פְרֶעג אִיךְ דִיר: "הָאסְט שׁוֹין הַיינְט גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י?" פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (בְּרָכוֹת ח.): **"לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִים לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו"**, וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ הָאט אֲרִיכוּת יָמִים; אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפה, סְעִיף ג): **"מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר"**, פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, בְּרֶענְגְט דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגְן ווילְנֶער גָאוֹן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל. זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אִיז אַנְשְׁטָאט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט יֶענֶעמְ'ס לֶעבְן וְכוּ' **פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן דִיר?** פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן עֶפֶּעס פַאר דַיין נִצְחִיּוּת? אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם, מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ אוֹיפְן טָאג פוּן דִי וָואךְ, דֶעמָאלְט הָאט מֶען עֶפֶּעס מִיט וָואס צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעם יֶעצְט אַ חוּמָשׁ אוּן לֶערְן דִי הַיינְטִיגֶע חוּמָשׁ מִיט תַּרְגּוּם אוּן רַשִׁ"י; אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (שָׁם, סְעִיף ב): **"וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגּוּם, וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י"**, אַ יְרֵא שָׁמַיִם זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין סַיי תַּרְגּוּם אוּן סַיי מִיט רַשִׁ"י; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י. מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **"וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיצְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִין דִי הֵיכָל פוּן רַשִׁ"י"**, אַזוֹי אוֹיךְ שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָסְ'ל קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדֶע וָואךְ אִיז **מְסוּגָל צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה.**

לָאז שׁוֹין אָפּ זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִיר; קֵיינֶער הָאט דִיר נִישְׁט גֶעבֶּעטְן קֶער צוּ נֶעמֶען פוּן דִי וֶועלְט. הֵייבּ אָן טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית, טְרַאכְט אַרַיין אַ מִינוּט וָואס וֶועסְטוּ קֶענֶען מִיט נֶעמֶען מִיט דִיר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט - נָאר דָאס בִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י, דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג.

דִי פְּסוּקִים חוּמָשׁ רַשִׁ"י וֶועט דִיר אָפְּהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשָּׂשכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז **אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

# א שיחה



## פון דער ראש ישיבה שליט"א

# שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן

**בַּיי אַ שְׁמוּעֶס מִיט אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז אַדוּרְךְ גָאר אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט:** וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן; פַארְקֶערְט, נֶעם דָאס פַאר אַ חִיזוּק אַז דוּ בִּיסְט פוּן דִי קְדוּשָּׁה, וַוייל וֶוען אַלֶעס גֵייט גְרִינְג אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע סִימָן.

אִין דִי תְּקוּפָה וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי עֶרֶב רַב הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט אַיינְזֶעצְן אִין תְּפִיסָה אִיז מוֹהֲרָא"שׁ אַמָאל גֶעוֶוען אִין קִרְיַת יוֹאֵל בַּיים צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִסַּאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וואוּ עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אַזוֹיפִיל רְדִיפוֹת.

שְׁפֶּעטֶער בַּיינַאכְט הָאט זִיךְ מוֹהֲרָא"שׁ גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר שְׁטֵייט פַארְ'ן רֶבִּי'ן פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פַארְצֵיילְט אִים פוּן זַיינֶע רְדִיפוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דָאס דַארְף דִיר מְחַזֵּק זַיין, אַז דוּ זֶעסְט וִוי שְׁוֶוער עֶס גֵייט דִיר יֶעדֶע זַאךְ אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דוּ בִּיסְט פוּן דִי קְדוּשָּׁה. **וֶוען עֶס וָואלְט דִיר אַלֶעס גֶעגַאנְגֶען גְרִינְגֶערְהֵייט וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פוּן דִי קְדוּשָּׁה"**; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

פַארְשְׁטֵיי פוּן דֶעם רְמָזִים וִוי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין.



# א מעשה פון א צדיק

## שָׁלוֹם בַּיִת בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת

אַ פָּאר-פָּאלְק זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ גֶטְ'ן הֱיוֹת עֶס אִיז שׁוֹין אִיבֶּער צֶען יָאר ווָאס זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ נִישְׁט נִפְקָד גֶעווָארְן מִיט קִינְדֶער, הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן מַאכְן אַ סְעוּדָה פַאר זֵיי גֶטְ'ן זִיךְ.



בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה ווֶען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין גֶעווֶען גוּט בְּגִלּוּפִין פוּן אַפָּאר גְלֶעזְלֶעךְ ווַיין הָאט עֶר צוּגֶערוּפְן זַיין ווַייבּ אוּן אִיר גֶעזָאגְט: "הֱיוֹת מִיר הָאבְּן גֶעהַאט שֵׁיינֶע יָארְן צוּזַאמֶען אוּן יֶעצְט גֵייֶען מִיר זִיךְ גֶטְ'ן ווִיל אִיךְ דִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס אַ טֵייעֶרֶע זַאךְ פוּן מַיין פַארְמֶעגְן, קְלוֹיבּ זִיךְ אוֹיס אַ טֵייעֶרֶע חֵפֶץ פַאר דִיר אוּן אַזוֹי ווֶעלְן מִיר זִיךְ צֶעשֵׁיידְן", הָאט זִי אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל צַייט צוּ טְרַאכְטְן.

דֶער מַאן הָאט ווַייטֶער גֶעטְרִינְקֶען ווַיין, בִּיז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד טוֹיט שִׁיכּוֹר אוּן אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. הָאט דִי פְרוֹי גֶעבֶּעטְן דִי מְשָׁרְתִים זֵיי זָאלְן אִים אַרַיין לֵייגְן אִין בֶּעט אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ.

צוּ מָארְגְנְס ווֶען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעווֶעקְט אוּן זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט וואוּ עֶר אִיז הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען ווָאס דָא גֵייט פָּאר, הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן אִים גֶעזָאגְט דִי ווֶערְטֶער: "בִּשְׁעַת ווֶען מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי סְעוּדָה הָאסְטוּ מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען זִיךְ אוֹיסְווֶועלְן אַ גוּטֶע חֵפֶץ פוּן דַיין פַארְמֶעגְן; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ אוֹיף דִי ווֶעלְט ווִי דִיר, **דוּ בִּיסְט מַיין בֶּעסְטֶע זַאךְ!"**

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ זִי הָאט דִיר אַזוֹי לִיבּ אוּן זִי ווִיל זִיךְ נִישְׁט צֶעטֵיילְן פוּן דִיר זָאג אִיךְ אַייךְ צוּ אִיבֶּער אַ יָאר ווֶעט אִיר הָאבְּן אַ קִינְד", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעווֶען, זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעווֶען צוּ קִינְדֶער אַלֶעס נָאר צוּלִיבּ דָאס לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם ווָאס אִיז גֶעווֶען צְווִישְׁן זֵיי.

(עצתו אמונה ה' בהר ל"ג בעומר תשע"ט)



# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס
# לֶעבְּנסגֶעשִׁיכְטֶע



| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

## - ל"א -

**פארזעצונג פון פריער:** אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף זַיינֶע מִדּוֹת אוּן תַּאֲווֹת, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט מִיט גְרוֹיס קְדוּשָּׁה בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן אַז "עֶר הָאט אַ רֵיין פֶּעלִיכְל".

***

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף זִיךְ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אוֹיף דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, וַוייל פוּן נַאטוּר אוֹיס אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער כַּעְסָן, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ רֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ. אַזוֹי וִוי אָבֶער עֶר הָאט דָאךְ גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, אַז גָארְנִישְׁט זָאל אִים קֶענֶען אוֹיפְרֶעגְן.

כָאטְשׁ וָואס עֶר הָאט טַאקֶע גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס, אִיז עֶר אָבֶער נִישְׁט גֶעוָוארְן גֶענְצְלִיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אִין דֶעם נָאר עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אִין דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דִי וֶועלְט הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְרֶעגְן, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל אִים טוּן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואלְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען בְּרוֹגֶז אוֹיף יֶענֶעם, עֶר וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁוֶוער הַארְץ אוֹיף יֶענֶעם בִּכְלַל.



פילע קברים אויפן הר הזיתים אין ארץ ישראל

סְ'אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען בַּאקַאנְט פַאר דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּלוֹיז אֵיין שְׁטִיק גוּטְסְקֵייט, עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם קְפֵּידָה אוֹיף קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז נָאר גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק גוּטְס.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף זִיךְ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, הָאט עֶר זִיךְ אַסַאךְ מָאל אוֹיסְגֶע'מָשָׁלְ'ט אִין קָאפּ וִוי עֶר שְׁטַארְבְּט. עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט וִוי עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן מְ'בַּאעֶרְדִיגְט אִים, מְ'זִיצְט שִׁבְעָה נָאךְ אִים, אוּן מְ'וֵויינְט שׁוֹין נָאךְ אִים. אוּן עֶר הָאט דָאס אַזוֹי שְׁטַארְק אַרֵיינְגֶענוּמֶען אִין קָאפּ, בִּיז עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אַן אַרְבֶּעט זִיךְ צוּ קֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק פָארְשְׁטֶעלְן אוּן זִיךְ אוֹיסְ'מָשָׁלְ'ן וִוי מְ'אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, בִּיז מְ'זָאל דָאס מַמָּשׁ שְׁפִּירְן.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז אִין זַיין יוּגְנְט הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק מוֹרָא גֶעהַאט פוּן שְׁטַארְבְּן, עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע פַּחַד פוּן דֶעם, אוּן דַוְקָא דֶעמָאלְט הָאט עֶר גָאר אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל שְׁטַארְבְּן אוֹיף קִידוּשׁ ה'. פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט - דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט פּוּנְקְטְלִיךְ וִוי לַאנְג, אֶפְשָׁר אַ יָאר - אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי מַחְשָׁבָה אוּן מִיט דִי תְּפִלּוֹת אַז עֶר וִויל אוּמְקוּמֶען אוֹיף קִידוּשׁ ה'. סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דֶעמָאלְט קַיין אֵיין שְׁמוּעֶס אָדֶער תְּפִלָּה וָואס עֶר זָאל נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף דֶעם.

אוּן וַוייל עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק מוֹרָא גֶעהַאט פוּן שְׁטַארְבְּן, אִיז דָאס אַלֵיין גֶעוֶוען בַּיי אִים מַמָּשׁ אַ מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזַא סָארְט תְּפִלָּה אַז עֶר וִויל שְׁטַארְבְּן אוֹיף קִידוּשׁ ה'.

אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיךְ גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק אַרֵיינְגֶעטוּן אִין שְׁטַארְקֶע חוּמְרוֹת, עֶר הָאט גֶעזוּכְט אַלֶע סָארְט אִיבְּרִיגֶע חוּמְרוֹת, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן נָאךְ אוּן נָאךְ חוּמְרוֹת וָואס עֶר קֶען נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ.

אֵיינְמָאל פַאר פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטְרַאכְט וֶועגְן חוּמְרוֹת אוֹיף דִי וַואסֶער וָואס מְ'נוּצְט פֶּסַח, וַוייל אֶפְשָׁר קֶען אַרֵיינְפַאלְן עֶפֶּעס אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אִין דִי וַואסֶער. אוּן סְ'אִיז אִים נִישְׁט גֶעפָאלְן דִי עֵצָה וָואס אַסַאךְ טוּעֶן אַז מְ'שֶׁעפְּט אָן אַסַאךְ וַואסֶער פַאר פֶּסַח אוּן מְ'גְרֵייט אָן גֶענוּג וַואסֶער אוֹיף גַאנְץ יוֹם טוֹב, וַוייל סְ'אִיז שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען רִיכְטִיג הִיטְן דָאס וַואסֶער פוּן עֶרֶב פֶּסַח אוֹיף אַ גַאנְץ פֶּסַח.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**



## א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

### פרשת תזריע מצורע - תשפ"ג

**החתן יוסי זינגער נרו יאיר דערציילט:** שכח אייבערשטער איך האב געהאט די זכי' צו עסן א סעודה ביי דער ראש ישיבה שבת אינדערפרי פרשת תזריע מצורע, דאס ביסל וואס איך געדענק וועל איך פרובירן מיטצוטיילן מיט די חשוב'ע קרית ברסלב בלעטל ליינער.

אויפן וועג אהיים פון בית המדרש איז דער ראש ישיבה ארויפגעגאנגען צו זיין שווער אין שטוב, ס'איז געווען די יארצייט פון זיין זיידע זכותו יגן עלינו, דער ראש ישיבה איז ארויפגעגאנגען זאגן גוט שבת פאר זיין שווער, דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש און געגעסן עפעס, נאך אפאר מינוט האט דער ראש ישיבה געזאגט גוט שבת און אהיימגעגאנגען.

מ'איזאנגעקומענאהיים,דערראש ישיבה האט יעדעם געגעבן א פלאץ צו זיצן און געהייסן אלע קינדער זיך אראפזעצן ביים טיש, נאכדעם האט מען געמאכט קידוש.

ביים זיך וואשן איז דער ראש ישיבה געגאנגען צו די סינק מיט אלע קינדער און זיי געוואשן, מ'האט געמאכט המוציא, אריינגעברענגט די פיש.

דער ראש ישיבה האט דערציילט פאר זיין ווייב אז אויפן וועג אהיים פון שול האט ער זיך אפגעשטעלט ביי איר טאטע לכבוד די יארצייט פונעם זיידן. דער ראש ישיבה האט געזאגט: "די ערשטע דור נאך די מלחמה זענען נישט אויסגעוואקסן אזעלכע תלמידי חכמים ווייל זיי האבן פארפאסט די אלע ישיבה יארן, אבער די דור וואס זיי האבן אויפגעשטעלט איז מורא'דיג". דער ראש ישיבה האט אסאך גערעדט איבער זיין שווער ווי ער זיצט און לערנט פון צופרי ביז ביינאכט.

בשעת די סעודה האט דער ראש ישיבה זייער אויסגערימט זיינע קינדער ווי שיין זיי האבן געדאווענט אין שול, דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין ווייב: "א שאד דו ביסט נישט געווען אין שול, דו וואלסט געקענט זען ווי שיין זיי האבן געדאווענט".



אלע קינדער זענען געזעצן ביים טיש די ערשטע פאר מינוט און נאכדעם זענען זיי געגאנגען שפילן (איך שרייב עס ספעציעל אריין ווייל מענטשן ליינען יעדע וואך וואס טוט זיך אפ ביי דער ראש ישיבה'ס סעודה מיט די קינדער, און ווען מ'ליינט עס זעט עס אויס ווי זיי זיצן דארטן ווי סאלדאטן דורכאויס די גאנצע סעודה, זאג איך ענק ביי דער ראש ישיבה'ס סעודה גייען די קינדער אויך אוועק שפילן אינמיטן די סעודה, און יעדע שטיק צייט רופט זיי דער ראש ישיבה צום טיש און מאכט זיי אינטערסאנט צו קומען צו די סעודה),

דער ראש ישיבה האט צוריק גערופן אלע זיינע קינדער צום טיש און זיי דערציילט א מעשה וואס ווערט געברענגט אין מדרש:

"ס'איז געווען אן אמורא וואס האט זיך געגרייט צו פארן פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ צו גיין נאך געלט. ער האט דעמאלט געהאלטן אינמיטן לערנען הלכות נגעים, און די סימן ווי אזוי מ'ווייסט אויב ס'איז א נגע אדער נישט איז אז מ'קוקט אויף די האר פון די האנט, יעדע האר האט א עקסטערע לאך פון וואו די האר נעמט חיות, אויב זעט מען אז ס'קומט נישט ארויס קיין האר פון די לאך איז א סימן אז ס'איז א נגע, די הויט איז געשלאגן.

האט ער געטראכט צו זיך 'מה-

<<<<



דאך יעדע האר האט א שורש פון וואו ס'נעמט חיות, איז דאך כל שכן אז א מענטש וואס האט טויזענטער האר שיקט אים דער אייבערשטער א פלאץ וואו ער זאל קענען נעמען פרנסה', האט ער אפגעמאכט נישט צו פארן קיין חוץ לארץ, און דער אייבערשטער האט אים טאקע געשיקט פרנסה בשפע".

דער ראש ישיבה האט נאכדעם געזאגט אז פון די מעשה לערנט מען זיך אויך ארויס אז קיינער דארף נישט נאכמאכן דעם צווייטן, יעדער האט זיין פלאץ פון וואו ער נעמט חיות און ס'איז נישטא וואס צו קוקן אויף יענעם.

מ'איז אריין אין שמועס וועגן אומאן, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס יאר וויל ער שוין פארן מאנטאג נאכט, ווייל ראש השנה געפאלט אויס שבת און זונטאג, און אויב מ'פארט ארויס דינסטאג נאכט קומט מען אן דארטן דאנערשטאג נאכמיטאג (אויסער אויב די מלחמה שטעלט זיך אפ און מ'קען פארן גלייך פון אמעריקע קיין אוקריינע) און ער דארף האבן כאטש איין גאנצע טאג אין אומאן פאר ראש השנה צו קומען צו די כוחות.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך האב געזאגט פאר אלי קנאלל ער זאל מאכן די טשארטער מאנטאג זייער שפעט ביינאכט כדי ס'זאל נאך קענען זיין געהעריג חדר מאנטאג, ווייל דינסטאג, מיטוואך און דאנערשטאג וועט נישט זיין קיין חדר (פרייטאג האבן אלע חדרים נישט קיין חדר)".

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט נאכנישט אפגעמאכט צו ער זאל פארן מיט די טשארטער אדער נישט, ווייל די טשארטער קאסט דריי טויזענט דאלער א מענטש און אויב מ'פארט מיט זעקס קינדער וועט עס אפקאסטן א שיינע

**"שעפעלע, זומער דארף מען זיך היטן די אויגן, מ'טאר נישט קוקן אויף קיין גוים".**

מטבע, אבער דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט א ווערטל בשם מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו: "געלט איז נישט קיין פראבלעם ווייל ס'איז סייווי נישטא"...

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה געהערט פון די פארטש ווי איינע פון די קינדער שרייען "שבת", דער ראש ישיבה האט אים אריינגערופן און געפרעגט צו וועם ער האט געשריגן, האט ער געזאגט אז ער האט געזען ווי גוים שפילן בעסקע"ט בא"ל, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט: "שעפעלע, זומער דארף מען זיך היטן די אויגן, מ'טאר נישט קוקן אויף קיין גוים"

דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט איבער די נסיעה קיין פולין, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "פאר די נסיעה האב איך געטראכט אז ס'איז די לעצטע מאל איך פאר אויף א נסיעה קיין אייראפע צו מקומות הקדושים, אבער למעשה טראכט איך אז ס'איז נאך דא אסאך קברי צדיקים וואו איך וויל נאך גיין, אויך וויל איך זייער גיין צו דער הייליגער מנחת אלעזר זכותו יגן עלינו".

דער ראש ישיבה האט צוריק גערופן זיינע קינדער צום טיש, דער ראש ישיבה האט אויסגעשריגן: "מ'גייט טיילן אייסעס!" פארשטייט זיך אלע קינדער זענען געקומען צו לויפן.

דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט: "ווער ס'טראכט פון י-ק-ו-ק קען באקומען אייסעס". דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר אלע זיינע קינדער זיי זאלן צומאכן זייער אויגן, זיי האבן צוגעמאכט די אויגן, און דער ראש ישיבה האט געזאגט:

<<<<



"טראכט אז ס'איז דא א ווייסע פייער, אינמיטן איז דא א רויטע פייער און ס'גייט ארויף ביז די הימל, אינמיטן איז דא א י' מיט א ה' מיט א ו' מיט א ה'", און דער ראש ישיבה איז געגאנגען ווייטער צו די מילוי, ע"ב ס"ג מ"ה ב"ן, און דער ראש ישיבה האט זיי אלע מסביר געווען פוקטליך ווי אזוי מ'טראכט עס און וויפיל ס'קומט אויס, אלע קינדער זענען געשטאנען מיט צוגעמאכטע אויגן און זיך פארטראכט אויף די אלע שמות וואס דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט, ס'איז געווען מורא'דיג צו זען.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דער הייליגער אר"י הקדוש זאגט אז ווען מ'טראכט פון י-ק-ו-ק איז עס אזוי ווי מ'האט געלערנט א דף גמרא, ווען מ'גייט אין גאס קען מען טראכטן י-ק-ו-ק, ס'איז נישט קיין שווערע זאך".

מ'איז אריינגעפארן אין א שמועס וועגן זומער, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך קוק זייער שטארק ארויס אויף זומער צו קענען זיצן מיט די בחורים אין וואלד אינדערפרי' לערנען".

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינע פון די אינגעלייט וואס האבן געגעסן דארטן וואס ער פלאנט צו טון זומער, האט ער געפרעגט דער ראש ישיבה אויב ער מעג זיך אויך אריינזעצן אין וואלד צווישן די בחורים לערנען, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך מיין אז די יאר גייט מען מאכן אז די אינגעלייט זאלן זיך אויך קענען אריינזעצן צווישן די בחורים לערנען, די אינגעלייט דא האבן חתונה יונג, זיי מעגן נאך זיצן אין ישיבה אפאר יאר, פארוואס זאלן זיי גיין ארבעטן?..."

נאכדעם האט מען געבענטשט, דער ראש ישיבה האט געבענטשט די גאנצע בענטשן מיט אלע קינדער.

## אין אונזער הויז מוז מען גיין שלאפן שבת נאכמיטאג, מ'מוז נישט איינשלאפן אבער מ'מוז ליגן אין בעט מיט צוגעמאכטע אויגן.

נאכן בענטשן האט דער ראש ישיבה געהייסן אלע זיינע קינדער צו גיין שלאפן, א קליינע מיידל איז געשלאפן דארטן אלס גאסט, זי האט געזאגט פארן ראש ישיבה אז ביי זיי שלאפט מען נישט שבת נאכמיטאג זי האט געזאגט זי וויל נישט גיין שלאפן, האט דער ראש ישיבה איר געזאגט: "אין אונזער הויז מוז מען גיין שלאפן שבת נאכמיטאג, מ'מוז נישט איינשלאפן אבער מ'מוז ליגן אין בעט מיט צוגעמאכטע אויגן".

נאך יעדער איז שוין געווען אין בעט האט מען געהערט איינעם ארויסקומען פון בעט, האט זיך דער ראש ישיבה געגעבן א רוף אן שטרענג: "ווער איז נאכנישט אין בעט?" און דער ראש ישיבה רופט זיך אן צו מיך: "ווען דו גייסט זיין א טאטע גייסטו עס קענען נאכמאכן? גייסט קענען זיין שטרענג צו די קינדער?" איך האב דעמאלט געטראכט אז נישט, און דער ראש ישיבה רופט זיך אן: "דו גייסט מוזן!"

שכח אייבערשטער איך האב געקענט מיטהאלטן און מיטטיילן אזא שיינע סעודה, איך האף צום אייבערשטן איר האט הנאה געהאט און ארויסגענומען עצות און חיזוק אויפן לעבן.



<<<<



# בארבערא

משה ארי' שניטצלער

וואו זאל איך אנהייבן? אז מ'פארברענגט דריי וואכן אין שטעטל דארף מען האבן א ביכל פון הונדערט זייטן צו קענען דעקן וואס מ'זעט און מ'הערט דא אין קרית ברסלב.

גלייך נאך חמשה עשר בשבט, נאכדעם ווי מ'האט אנגעהויבן צו הערן אז ס'איז קאנפורמד אז דער ראש ישיבה פלאנט צו זיין פסח אין שטעטל, האמיר אנגעהויבן שוקל זיין וואו צו זיין פסח, מיין זון מו"ה הערשל הי"ו זאגט איך זאל קומען צו אים, מיין טייערע איידעם מו"ה בנציון הי"ו זאגט איך זאל קומען צו אים, מו"ה ישראל יוסף הי"ו וואוינט א שעה אוועק פון די צענטראלע שול וואו דער ראש ישיבה דאווענט באופן כללי. פאריאר בין איך שוין געווען ביי מו"ה בנציון הי"ו, א יאר פארדעם בין איך געווען ביי מו"ה הערשל הי"ו, למעשה איז געבליבן אז מ'גייט זוכן צו דינגען א פלאץ.

איך האב זיך פארבינדן מיט מיין טייערע חבר מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו. איך האב ממש נישט קיין ווערטער. איך האב קאנפורמד דעם פלאץ אן האבן די מינדעסטע אהנונג ווי אזוי דאס זעט אויס. איך בין געווען אין שאק ווען איך בין אנגעקומען ליל ששי פאר שבת הגדול, א פראכט פון א פלאץ! א געשמאקקייט! א גן עדן! אלע מעלות!

און יואלי האלט מיך אין איין פרעגן, ביסט צופרידן? אלעס איז אקעי? עפעס נאך וואס איך קען דיר צושטעלן?

יואלי האט מיך געמאכט פילן אזוי באקוועם! אזוי אנגענעם!

די הערליכע שבת הגדול איז אריבער מלא טעם! יעדע רגע אין יואלי'ס צווייי בעדרום דירה'לע איז געווען מעין עולם הבא.

ווען מ'האמיר זיך אנגעהויבן גרייטן צום יום טוב פסח האמיר אודאי נישט געוואלט אדורך לאזן די געלעגנהייט פון די חלוקה פון בית התבשיל. דאס וואס מיר האבן דארט געזען איז ממש אין לשער! פלייש, גרעיפ דזשוס, מילך, קעז (מ'רעדט נישט פון סתם קעז! מ'רעדט דא פון "מיונסטער" קעז! די ריכטיגע סחורה! געב נאר א קוק אין גראסערי וויפל קאסט פיר אונצעס פון מיונסטער קעז!) פלעסטיק עסצייג, עפל, צוויבל, פיינעפל דזשוס, אייער, ניסלעך, ועוד ועוד ועוד ועוד.........

און ווען איך זאג פלייש מיין איך נישט עפעס אבי א פלייש אויף יוצא צו זיין, מען האט געטיילט פליישן וואס איין פארציע דערפון קען קאסטן אין רעסטאראנט א הונדערטער! און מען האט געטיילט אזוינע שטיקער, אז דער עולם האט זיך פאנאנדער געשמועסט וואו צו קויפן נייע גרויסע טעפ וואס קען ארייננעמען אין זיך אזא ריזיגן שטיק פלייש!

ווען איך האב דאס געגעסן יום טוב, איז דאס אריבער אלע מיינע ערווארטונגען!

איך האב געהערט יום טוב ווי איינער האט זיך אויסגעדרוקט אז די וואס גייען צו די טייערע סטעיק הייזער האבן נאך אין זייער לעבן נישט פארזוכט אזא פלייש ווי דאס וואס שלומי' האט דא אויסגעטיילט!

איך האב באמת קיינמאל נישט געוואוסט אז א פלייש קען זיין אזוי סאפט, פעט, שמאלציג, זאפטיג, ממש אלע טעמים!!!!

די פלייש וואס אונז האמיר באקומען איז געווען אזוי גרויס, אז נאכדעם ווי מ'האמיר עס צוטיילט אין האלבע האט עס נאך אלץ נישט אריינגעפיט אין די בעקעלע וואס מ'באקט עס דערין אינעם אויוון, מ'האמיר געמוזט פארשאפן א ספעציעלע סייז בעקעלע!

שלומי' דו האסט א גרויסן זכות! איך וואונטש דיר זאלסט קענען טיילן



עסן עד זקנה ושיבה און דיינע אור אייניקלעך און אור אור אייניקלעך זאלן צולייגן א האנט......

נאכדעם האט זיך אנגעהויבן אין שטעטל א פרישע חסד-פרשה מיט די שיך פאר צוואנציג דאלער, און נאכדעם מיט די קיופאנס אין גראסערי. ווער ס'קען א טראפקעלע רעכענען זעט גלייך אז די חסד אפעראציעס אין שטעטל איז ארויס פון יעדן פראפארץ.

איך בין נישט דער גרעסטער מאטעמאטיקער, אבער אין מיינע טרוקענע אויגעלעך האט עס אויסגעזען ווי די חסד אפאראטן אין שטעטל (שיך, עסן חלוקה, און גראסערי טשעקס) האבן באטראפן א פערטל מיליאן דאלער!!!! פלאי פלאים!

גענוג חסד אין שטעטל? נאכנישט פארטיג! נישט פארגעסן אז איך האב גענומען אפאר בענקלעך פון משולם פינטער'ס "שמחה גמ"ח". (נישט מעגליך אויסצורעכענען אויף איינמאל אלע אנדערע חסד פונקציעס אין שטעטל, ועוד חזון למועד, די באזאאר, די קימפעטארן נאכטמאל'ס, די נייע פורניטשער-ווערהאוז, די ליסטע איז נאך לאנג.....)

איבער די טעג פון פאר יום טוב און אינמיטן יום טוב האט מען אסאך געשמועסט פון די שמועסן פון דער ראש ישיבה, ביי די "מסיבת ראש חודש מיט דער ראש ישיבה" וואס קומט פאר יעדן ראש חודש פאר די וואס שטיצן דעם כולל ביד רחבה וברוח נדיבה. דער ראש ישיבה האט אריינגעברענגט א שטארקע קלארקייט איבער די נושא פון זאכן וואס מ'איז מחמיר אום פסח (געבראקטס, פיש, האנטעכער און עסצייג וואס זענען אראפגעפאלן אויף דער ערד, זאכן וואס מ'מישט זיך נישט, עסן וואס זעט אויס "דומה" צו חמץ און די קליינע קינדער ווערן צומישט דערפון, מוהרא"ש'ס הוראה אז אפילו די וואס פירן זיך על פי שיטת הבית יוסף זאלן זיך אויך צוריקהאלטן פון עסן רייז וכו' אום פסח) דער עולם האט מיט נייגער איבערגעשמועסט די שיחה וואס דער ראש ישיבה האט נאכגעברענגט פון שיחות הר"ן אז דער רבי' האט אמאל, אין די יונגע יארן, געהאט א קלער צו זיין פסח נאר אויף א פלאץ וואו ס'איז דא א ארגינעלע קוואל וואסער, וואס קוועלט א גאנצן צייט פרישע וואסער, ווייל אלע אנדערע וואסער קען אפשר האבן עפעס א חשש. אבער דער רבי' פירט אויס אז ס'איז בכלל נישט קיין מעלה צו גיין אזוי ווייט מיט חומרות.

דער ראש ישיבה האט אויך גערעדט פון "מוהרא"ש'ס חומרא". די חומרא וואס מוהרא"ש האט שטארק געהאלטן, די חומרא פון זיין פרייליך אפילו ווען מ'מיינט אז לויט מיין מצב בין איך פטור פון שמחה, זאל מען מחמיר זיין און יא זיין פרייליך!

דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט פון הייליגן אר"י הקדוש אז ווער ס'איז נזהר פון א משהו חמץ אום פסח איז פארזיכערט אז ער וועט נישט זינדיגן א גאנץ יאר.

און די וועלט פרעגט א קושיא, ווי אזוי קען זיין אז מ'זינדיגט יא? זאגט דער ראש ישיבה אז מ'הערט אלץ מענטשן זאגן, אז לכאורה בין איך




טאקע יא נכשל געווארן מיט חמץ, ערגעץ אומוויסענדיג (רחמנא ליצלן אזוי צו זאגן אויף ערליכע אידן יראים ושלמים וואס ארבעטן טעג און וואכן אויסצורוימען יעדע ברעקל חמץ!)

אבער מוהרא"ש איז דאס הערליך מסביר! אז דער אר"י הקדוש מיינט צו זאגן אז ווער "ס'פריידט זיך" מיט דעם וואס ער עסט נישט קיין חמץ, וועט ער נישט זינדיגן א גאנץ יאר! און אויב מ'זעט איינער האט יא געזינדיגט איז א סימן אז ער האט זיך נישט גענוג געפרייט מיט די מצוה פון נישט עסן חמץ. (מ'קען עס גלייך פאררעכטן..... זאג ארויס מיט'ן מויל "שכח אייבערשטער אז איך האב אויסגערוימט די חמץ" "שכח אייבערשטער אז איך האב געגעסן די הייליגע מצה").

און דער ראש ישיבה צולייגט דאס זייער שיין, דער ישיבה זאגט אז ס'איז דא מענטשן וואס זיי טוען די מצוות נאר אויב ער איז מער און העכער פון יעדן איינעם. אויב איז זיין מצוה אזוי פשוט ווי א פלעינע מענטש איז עס אים נישט אינטערעסאנט. למשל, אויב ער האט אזוינע מצות און היימישע מאסט און מרור וואס קיינער האט נישט, איז אים גוט, אבער אויב ער האט די זעלבע ווי יעדער, איז אים די מצוות אומ'אינטערעסאנט. אבער אזא וועג איז נישט די ריכטיגע וועג.

א מענטש דארף לייגן תפילין ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, נישט ווייל איך האב בעסערע תפילין ווי דו.

במשך די יום טוב טעג האמיר זיך מחי' געווען מיט דער ראש ישיבה'ס הערליכע תפילות ביים עמוד, ממש תענוגי עולם הזה.

ביי איינע פון די דרשות האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט ווי מ'האט שטארק אנגעזען דא אין שטעטל די ענין פון אינוועסטירן אין חינוך, די טאטע'ס



מאכן די קינדער זאלן זיין א חלק פונעם דאווענען, יעדע קינד לויט זיין עלטער, קודם "אמן", און קושן די תורה, נאכדעם נקדישך, און הלל, נאכדעם מער און מער, ביז די גרעסערע קינדער וואס דאווענען די גאנצע דאווענען.

עטליכע מאל,ביים דף שיעור, האט דער ראש ישיבה גערעדט דברי חיזוק און עצות פון רבי'ן אויף אלע ענינים. אפאר מאל האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מ'קען אריין פרעגן שאלות, "אדרבה, ס'איז גוט אז עטס פרעגטס!" האט דער ראש ישיבה געזאגט.

מ'האט געפרעגט וועגן חינוך, וועגן כיבוד אב ואם, וועגן חומרות פון פסח, וועגן וואס מ'טוט חול המועד.... איינער האט געפרעגט, וואס טוט מען ווען קינדער זענען בארד? (לאנגווייליג, נמאס) האט דער ראש ישיבה געזאגט, "קינדער זענען נישט בארד! ס'איז דא עלטערן וואס זיי זענען בארד, און זיי זענען אזוי ליידיג און לאנגווייליג אז ס'גייט אריבער צו די קינדער"

דער הייליגער רבי ר' זושא האט געזאגט אז איינס פון די זאכן וואס מ'קען זיך לערנען פון א קינד איז אז ער איז שטענדיג פארנומען.

די נאטורליכע אייגנשאפט וואס דער גרויסער באשעפער האט אריינגעלייגט אינסטינקטיוו אין א קינד איז אז ער טוט זיך יעדע רגע באשעפטיגן, און מאכט זיך פרייליך מיט סיי וואס.

אבער ווען די עלטערן זענען אומצופרידן מיט די "יעצט" און "דא" גייט עס אריבער צו די קינדער.

א מענטש וואס רעדט צום אייבערשטן יעדן טאג איז אים גוט "דא" און ס'איז אים גוט "יעצט". ער מוז נישט טראכטן א גאנצן טאג פון די קומענדיגע וואקאציע, די קומענדיגע באזוך אין סטעיקהאוז, די קומענדיגע מעכטיגע קידוש פון מיין מעכטיגע חבר משה'לע.

איך קען טראכן פון דא און פון יעצט.

איך טרעף דא און יעצט זאכן צו דאנקען דעם אייבערשטן.

שכח אייבערשטער פאר מיין ווייב און קינדער. שכח אייבערשטער פאר מיין טייערע טאטע, מאמע, שווער, שוויגער, מיין שול, מיין דזשאב, שכח אייבערשטער פאר מיין שול-שמש וואס גרייט אן קאווע און וואשט די מקוה האנטוכער, שכח אייבערשטער פאר מיין גראסערי וואס ברענגט אהער די מילך פון פענסילוועניע, די פאטעיטע'ס פון איידאהאו, די פיינעפל פון האווי-אי', די מאנגא פון פערו, די יונגע צוויבל פון יונגעסלאוויע, די אייסעס פון אייסלאנד, די קענדי'ס פון קענדילאנד, די קאקאשקעיק פון הוידו-קישמערעשמוריטשקע.

במשך דעם יום טוב האט דער ראש ישיבה דריי מאל געדאוונט אין די ווייטערע שול'ן.

דער ראש ישיבה האט געדאוונט אין עצתו אמונה אויף טווין ברידזש, אין אשר בנחל אויף דענמאן, און ליל שבת קודש פרשת שמיני, נאך יום טוב, האט דער ראש ישיבה געדאוונט אין פעולת הצדיק אויף רעדקליף.

אין אשר בנחל בין איך מיטגעגאנגען, ווייל ס'איז נישט אזוי ווייט, אבער ביי די אנדערע צוויי בין איך נישט מיטגעגאנגען, ווייל ס'נעמט פערציג פופציג מינוט צו גיין, מיינע קליינע קינדער האבן געוויינט אז זיי ווילן דאווענען מיט דער ראש ישיבה, כ'האב זיי געלאזט גיין, און איך האב געדאווענט אין די צענטראלע שול אויף האשקי.

אין מקור השמחה אויף מארקס איז דער ראש ישיבה נישט געגאנגען דאווענען. איך ווייס נישט די סבה. אויך איז דער ראש ישיבה, פארשטייט זיך, נישט געגאנגען אין ליקוטי מוהר"ן אויף טשעסנאט וואס נעמט איבער אנדערטהאלבן שעה צו גיין.

כ'האב געהערט א יש אומרים אז בקרוב גייט שוין זיין א זיבעטע שול אין שטעטל!!

אין אשר בנחל אויף דענמאן איז אויך געווען די שירת הים, בליל שביעי של פסח, דער ראש ישיבה האט געטיילט ברכה-ווין פאר אלע משתתפים, מו"ה נחמן שמואל הי"ו האט באקומען דאפלט! דער ראש ישיבה האט אים געגעבן א ברכה צו עוסק זיין אין שידוכים.

אריינקומענדיג צום שביעי של פסח טיש האב איך מיך געזעצט נעבן מיין טייערע חבר מו"ה הערשי הי"ו, זיין ברודער האט געהאט דארטן גאר א ספעציעלן ווין, ער האט מיר געגעבן צו פארזוכן. ס'איז געווען א "בארבערא" ווין, עפעס אזוינס און אזעלעכס, איך האב נאך קיינמאל אין לעבן נישט פארזוכט קיין בארבערא ווין, איך האב גלייך אפגעמאכט אויפן פלאץ אז ווען איך וועל זיין צוריק אין וויליאמסבורג וועל איך דעם קומענדיגן שבת האבן א פלעשקעלע בארבערא.

און, יא, כ'האב שוין געהאלטן ווארט! איך בין אריין צו "ווין קעיוו" לעבן מיין הויז און געפרעגט וועגן די געשמאקע ביניאמינא בארבערא, זיי האבן געזאגט ס'וועט זיין ביז א טאג צוויי, איך בין צוריק אין צוויי טעג און איך בין געווארן דער לעגאלער אייגנטומער פון זיבן הונדערט און פופציג מיליליטער פון בארבערא.

גראדע האב איך געגומען נישט די ביניאמינא, נאר די "היוצר בארבערא" פון יאר טו טאוזנט טווענטי. אז מ'האט אזא ווין און מ'זאגט יעדן טאג משניות קען מען האבן א לעכטיגן שבת.

# חסד שביסוד



יום הולדת

# מוהרא"ש זיע"א

כ"א אייר

היינט איז זייער א גרויסער טאג; היינט איז דער יום הולדת פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו.

מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען צו האבן אין אונזער דור מוהרא"ש און אז מיר האבן די זכיה צו וויסן פון מוהרא"ש.

מוהרא"ש האט גענומען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים און דאס אראפ געברענגט פאר אונז קליינע מענטשן מיט א מורא'דיגע קלארקייט לעובדא ולמעשה, אז מיר זאלן זוכה זיין צו האבן א גוט לעבן.

מוהרא"ש פלעגט זאגן אז ער איז געבוירן געווארן אין די ספירה פון **"חסד שביסוד"**, ווייל ער איז מחזק די אלע וואס פאלן נעבעך אראפ אין מידת היסוד; אויף זיי אלע איז מוהרא"ש מלמד זכות צום אייבערשטן אז זיי זענען נישט שולדיג, בפרט בחורים וואס ווילן חתונה האבן און עס גייט זיי נישט קיין שידוך.

"מיין זאך איז בחורים" - פלעגט מוהרא"ש שטענדיג זאגן; "איך בין אראפ געקומען אויף דער וועלט אויפצוהייבן בחורים און זיי ווייזן א וועג ווי אזוי זיך צו דערהאלטן".

(עצתו אמונה כ"א אייר תשע"ח)

---

מוהרא"ש האט געזאגט: **"איך בין געבוירן אינעם ספירה פון 'חסד שביסוד' צו ווייזן די חסד, דאס גענאדע פונעם אייבערשטן פאר אלע וואס זענען נעבעך געפאלן אין מידת היסוד".**

מוהרא"ש האט זיך זיין גאנץ לעבן מוסר נפש געווען פאר אידישע קינדער, זיי צו ווייזן דעם וועג צוריק צו קומען צום אייבערשטן, ובפרט פאר בחורים און מיידלעך וואס זענען נעבעך געפאנגען אינעם נעץ פונעם יצר הרע - האט מוהרא"ש געשריבן און פארשפרייט מיליאנען ספרים זיי צו ווייזן א וועג זיי זאלן צוריק קומען צום אייבערשטן.

אין אזא גרויסע טאג דארפן מיר זיך פארנעמען און זיך באנייען צו טון דאס וואס מוהרא"ש האט געטון, פארשפרייטן די עצות און חיזוקים פאר די גאנצע וועלט.

**ווער עס איז עוסק אין הפצה דער וועט בלייבן מקושר צום רבי'ן בזה ובבא.**

קוק גוט וועסטו זען אז די אלע מפיצים זענען שטענדיג פריש; עס זענען דא וואס זענען שוין מפיצים דרייסיג פערציג יאר, די זענען שטענדיג מיט א חיות.

(עצתו אמונה כ"א אייר תש"פ)

---

יום א' פרשת עקב, ט"ז מנחם-אב, שנת תשפ"א לפרט קטן

דאס וואס מיר טוען אין די לעצטע יארן, מיר מאכן חתונה אונזערע קינדער בחנם, עס קאסט נישט קיין געלט פון אנהייב שידוך ביז נאך די חתונה, הכל בכל מכל כל קומט אויס זיבן אכט טויזנט דאלער; דאס איז נישט קיין נייע זאך, דאס האט מוהרא"ש איינגעפירט מיט צענדליגער יארן צוריק אין יבנאל - די ברסלב'ער שטאט אין ארץ ישראל, מען זאל קענען חתונה מאכן בחנם. מוהרא"ש האט זיך מוסר נפש געווען, אוועק געגעבן זיין לעבן פאר דעם, ער איז קראנק געווארן פאר דעם; ער האט געבויט א זאל אונטער דעם גרויסן

בית המדרש אין יבנאל פאר אנשי שלומינו זיי זאלן קענען חתונה מאכן אומזיסט. עס איז אויסגעשטעלט אז מען בעט נישט קיין געלט פאר'ן זאל; די סעודה ווערט צוגעשטעלט דורך משפחות פון אנשי שלומינו, די נאנטע און באקאנטע ברענגען די עסן, יעדער עפעס אנדערש; איינער א קוגל, א צווייטער אביסל רייז, א דריטער אביסל לאקשן מיט מזונות, עס איז גענצליך בחנם, צענדליגער אנשי שלומינו האבן חתונה געמאכט דארט בחנם, לאנגע יארן האבן אנשי שלומינו געקענט חתונה מאכן די קינדער אן קיין חובות, אן קיין דאגות, אן גארנישט; מען דארף נישט בארגן, מען דארף נישט זארגן, מען טוט זיך אן די שטריימל און בעקיטשע, און מען גייט פרייליכערהייט צו די שמחה.

וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו ביסט עוסק אין אזא הייליגע מצוה פון מאכן שידוכים, כמותך ירבו ישראל; ווייל עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך ווי מאכן שידוכים. בפרט מיר תלמידי היכל הקודש דארפן עוסק זיין אין די מצוה, אזוי ווי מיר האבן געלערנט ביי אונזער גרויסע רבי מוהרא"ש וואס מפקיר געווען זיין גאנץ לעבן פאר בחורים און מיידלעך, זיי צו חתונה מאכן. אזוי ווי מוהרא"ש שרייבט אין די צוואה (אות יז): ***"בָּרוּךְ ה' אִיךְ הָאבּ אַ חֵלֶק אִין אִיבֶּער צְוֵויי טוֹיזְנְט קָאפְּלְס וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ זַיְין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן, אוּן וִוי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיְין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן מַאכְן נָאךְ שִׁידּוּכִים פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוּן מִיט דֶעם זֵיי רַאטֶעוֶועון פוּן עֲבֵירוֹת.***

אוּן אִיךְ בִּין מְגַלֶּה דַעַת אַז וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים אוֹיף אֵיין מָאל אָן אַ הֶפְסֵק, וֶועל אִיךְ זַיין פַאר זֵיי אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידּוּךְ פוּן הִימֶל, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם צוּזָאג.

מִיט דֶעם עֶנְדִיג אִיךְ מַיין צַוָּואָה פַאר מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים אוּן אִיר קֶענְט דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז עֶס זָאל שׁוֹין זַיין יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדַּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל גֶעהֵייליגְט וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, סַיי בַּיי מַיין לֶעבְּן אוּן סַיי נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אָמֵן וְאָמֵן".

דער יצר הרע האט נישט ליב עס זאל ווערן שידוכים, אים איז בעסער ווי ווייניגער שידוכים עס ווערט; ער ווייסט אז ווען א בחור און א מיידל האבן חתונה האט ער שוין נישט קיין שליטה אויף זיי, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יבמות סג:): "כֵּיוָן שֶׁנָּשָׂא אָדָם אִשָּׁה עֲוֹנוֹתָיו מִתְפַּקְקִין", ווען מען האט חתונה ווערט מען ערליך, מען לאזט אפ די עבירות; דעריבער מאכט ער פעולות אפצוהאלטן שידוכים.

(עצתו אמונה ווארא כ"ד טבת תש"פ)

מוהרא"ש איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן ווען ער איז אלט געווען זעכצן יאר; ער האט געטראפן א קליינעם ספר "משיבת נפש", א ספר וואס רבי אלתר פון טעפליק זכותו יגן עלינו האט געמאכט, ער האט צוזאמגענומען שטיקלעך התחזקות פון ליקוטי הלכות אין דאס געדרוקט אין דעם ספר. דער ספר האט אים אויפגעפלאמט זיין הארץ, און ביי די פיר און צוואנציג יאר, שנת תשכ"ד לפ"ק, האט מוהרא"ש אנגעהויבן שרייבן בריוון פון התחזקות פאר בחורים און יונגעלייט וואס זענען געקומען צו אים בעטן חיזוק. פון די בריוון איז געווארן דעם ספר "אשר בנחל" וואס האט אין זיך איבער זיבעציג טויזנט בריוו פון התחזקות און עצות פאר יעדן מענטש און פאר יעדן פראבלעם.

קוק וואס הייסט א לב טוב, א עין טוב - ווי מוהרא"ש, ווען ער האט זיך דערוויסט פון רבי'ן און ער האט געזען ווי דאס האט אים געטוישט זיין לעבן און געזען אז מען קען נישט באקומען די ספרים, דעמאלט איז געווען זייער שווער צו טרעפן די ספרים פון רבי'ן, האט ער מחליט געווען אז ער גייט דאס דרוקן און פארשפרייטן פאר די גאנצע וועלט, און אזוי האט ער געטון במשך זיין גאנצע לעבן; ער האט געדרוקט און געדרוקט און געדרוקט אזוי פיל אז עס איז נאך נישט געווען אין די היסטאריע אז א מענטש זאל דרוקן אזויפיל ספרים וויפיל מוהרא"ש האט געדרוקט במשך זיין לעבן; דאס דארפן מיר נאכמאכן, ווי מער מען קען פארשפרייטן פאר די וועלט אז עס איז דא א וועג פאר יעדן איינעם צוריק צו קומען צום אייבערשטן.

מענטשן פרעגן: "ווער האט גע'ירש'נט די ירושה פון מוהרא"ש?" **אלע קענען מיר האבן א חלק אין די ירושה; ווער עס דרוקט די ספרים פון מוהרא"ש נעמט א חלק אין די ירושה.**

(עצתו אמונה י"ז שבט יומא דהילולא של מוהרא"ש זצוק"ל תשע"ט)

# פת שחרית אין קערעסטיר



ישראל דוד העסקעל

אלע אויגן דרייען זיך פלוצים ארום צו מיר - נא, וואס זאגסטו?

איר ווילט וויסן וואס איך האב געזאגט? איך וועל אייך דערציילן די גאנצע מעשה....

ס'געווען מאנטאג צופרי ג' אייר מיר האבן געהאט א פיינע שחרית ב"ה, נאך שחרית בשעת דער עולם לייגט צוזאם די רבינו תם תפילין קומט דער שמש צוזאמען מיט די צוויי גוים פון שוהל און הייבן אן איבערצוקערן דעם מקום.

ער שלעפט צוזאם אלע טישן, ער שטעלט עס אויס שיין צוזאמען נאכדעם לייגט ער ארויף טישטיכער. דער עולם ווארפט זיך בליקן כאילו וואס קומט דא? דער שמש פלייסט זיך אבער, ער קוקט נישט אויף קיינעם ס'הייבט אן ארויספארן טעלערס, קאפס, לעפלעך, גאפלעך, נעפקינס, קליינע טעלערס וכו'...

דערנאך הייבט אן ארויסקומען די פילע טעצער... א טאץ סלייסד טשיז, א טאץ אוואקאדא, א טאץ טונא, עטליכע



קאנטעינערס קרים טשיז פון אלע מיני... נאכדעם לאקס, אייער סעלעד, הערינג יעדער סארט וואס איך האב נאר אמאל געזען, געהעריגע ברויט, האלל וויט ברויט, סאורדאו ברויט, זעקס גרעין ברויט... אלע מינע קרעקערס, און אייער קיכל...

נאכדעם קומט ארויס טעצער אויפגעשניטענע גרינצייג, אלע מיני דעינישעס און מאפפינס, אלע ערליי דיפס (לכאורה נאך שיריים פון שבת....) און נאכדעם טרינקען וואס רעדסטו אלע מיני פיינע פרישע דשוסעס ס'האט אויסגעקוקט א מחי'...

נאך דעם שטעלט ער אויף א האַט פלעיט מיט פרישע אייער שפייז ער ברענגט אריין א פלאש לחיים מיט ברוינפן גלעזלעך און געבט א קלאפ



אויס - רבותי דער עולם ווערט געבעטן צו זיך וואשן צו פת שחרית לעילוי נשמת הרה"ק ר' ישעי' בן ר' משה זי"ע לשובע ולא לרזון!!!
אלע שטעלן זיך אין א שורה ביי די סינק זיך צו וואשן און דער עולם זעצט זיך עסן...

איינער שטייט אינדערזייט מיט א קאווע און געבט א פרעג: איר האלט טאקע דאס האט ר' ישעי'לע געמיינט? א מין דור... אפאר חדשים צוריק דער בת עין און יעצט ר' ישעי'לע וואס זענען די צדיקים שולדיג אז דו ווילסט פרעסן???

"וואס הייסט" קומט צו שמייסן א שטורמישע תשובה פון איינער וואס האט נאכנישט גענדיגט אראפצושלינגען... ר' ישעי'לע פלעגט אלץ געבן צו עסן פאר אידן, "הדבק במידותיו" אידן עסן מ'מאכט ברכות מ'פארברענגט מיט אחדות וואס איז דא שענער פון דעם? וואס פארגינסטו נישט אידן זאלן קענען עסן?

ס'נישט אזוי פשוט רופט זיך א צווייטער אן בשעת'ן טינקען אין די מאטיאש... ר' ישעי'לע איז געווען א קדוש עליון און מ'איז אים - נישט איבעראל - אבער ס'דא פלעצער וואו מ'מאכט אים פאר א קעיטערער רח"ל וואס וועט די נעקסטע דור טוהן? מילא אביסל תיקון... שוין... אבער וואס א יאר ס'גייט פאריבער ווערט דאך דער מצב ערגער... איך ווייס נישט אויב ס'ריכטיג...
איך פארשטיי נישט די גאאאנצע פראבלעם איך האלט אז ס'איז אלץ דא אומפארגינער מענטשן וואס פילן ווי זיי מוזן האקן וואס שטערט דיר אז עס א פיינע פת שחרית וואס איינער האט מנדב געווען לע"נ ר' ישעי'לע? אלץ דארפן די חברה קוקן נעגעטיוו... אידן עסן אידן האבן הנאה וועמען שטערט עס? איך בין זיכער אז דער צדיק האט נאר נחת פון דעם אויבן אין הימל...

שיק ארויף די קרים טשיז זיי אזוי גוט... אבער אז מ'רעדט שוין - זאגט ער בשעת'ן שמירן די ברויט - איך האלט גראדע ווי דיר אז ס'גארנישט שלעכט געבן צו עסן פאר אידן... אבער קאָם אָן דאס איז שוין איבערגעטריבן... אלע תאוות אויף איין טיש אלעס כאילו מ'מיינט דעם צדיק? הענג אויף א צעטיל אנשטאט לע"נ הרה"ק ר' ישעי' בן ר' משה זי"ע שרייב ענדערש לכבוד איך וויל פרעסן היינט! לאז אפ די צדיקים, וואס זענען זיי שולדיג?

שולדיג?! רופט זיך אן דער מיט פיר טעלערס פארנט פון אים... וואס פארשעמסטו דעם צדיק? ר' ישעי'לע איז געווען באוואוסט אז ער פלעגט שחט'ן א בהמה ווען א איד איז נאר געווען הונגעריג! וואס מיינסטו, ער האט ארויסגענומען אלטע לקח? ר' ישעי'לע איז געווען דער עמוד החסד ער האט פארגינען פאר יעדן ער האט געוואלט ס'זאל יעדן זיין גוט... ער האט נישט געקענט צוקוקן אז א איד





הונגערט! די שענסטע זאך! דער עולם וואשט זיך מ'עסט פיין מ'מאכט א ברכה מ'ווינטשט לחיים, רצון צדיק! ווייסט וואס... אפשר האט איינער א שיינע מעשה פון ר' ישעי'לע?

יא איך האב געהערט זייער א שיינע מעשה - ר' ישעי'לע איז געווען א תלמיד פון דער הייליגער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע און ער פלעגט יעדע וואך ביי שלש סעודות אויסטיילן די בילקעס פאר'ן עולם... איין וואך האט איינער פון די חסידים געזען ווי רבי הערשעלע ליסקער שמייכלט בשעת ר' ישעי'לע טיילט די בילקעס האט ער געפרעגט דעם רבין "רבי וואס שמייכלט איר?" האט רבי הערשעלע ליסקער געענטפערט - "קוק די זעקל בילקעס איז שוין לאנג ליידיג אבער ישעי'לע טיילט נאך!"

פששש זכותו יגן עלינו!



יא יא פיין וואויל... אבער דאס פארענטפערט נישט ענקער פרעס... רופט זיך אן דער וואס האט מקפיד געווען אז יעדער זאל וויסן אז ער עסט נישט!

און די טענער האבן זיך נאכאמאל געהויבן הויך איינער שרייט אכשר דרא א צווייטער שרייט פוי... יעדער האט א דעה... נאר דער וואס האט עסן אין מויל איז שטיל... פאר איינער וואס קוקט צו פון דער זייט האט אויסגעקוקט ווי ס'קומט א טיילונג אין כלל ישראל...

אזוי אינמיטן שרייען אלע גערעכטע טענות אהין און צוריק געבט זיך איינער א דריי אויס צו מיר - נא, וואס זאגסטו? דו זיצט עפעס אזוי שטיל פונקט היינט... לאמיר הערן אויף וועלכע זייט ביזטו? מ'מעג יא עסן אדער נישט? איז דאס נארמאלע אדער טאטאל פארדרוקט?

איך קוק זיי אלע אן... איך זאג אזוי:
ברוך אתה השם אלוקינו מלך העולם הזן את העולם כולו בטובו בחן בחסד וברחמים הוא נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו ובטובו הגדול תמיד לא חסר לנו ואל יחסר לנו מזון לעולם ועד!

איך זאג שכח אייבערשטער פאר די פיינע פרישטאג! ענק זענען אלע גערעכט און מיט מיר האט עס גארנישט! איך האב א ראש ישיבה וואס לערנט מיר ווי אזוי אנצוקוקן מיין לעבן איך בין נישט וועלטס פאליציי איך דארף נישט שטיין על המשמר אין נעמען א זייט אין יעדע טענה'ריי וואס ברענגט מיר גארנישט קיין תכלית...
ברוך השם איך האב געטראפן א פלאץ וואס גיבט מיר צו עסן פאר מיין הונגעריגע נשמה, ער גיבט מיר א חומש, א משניות, א גמרא, און נאך און נאך פיינע קריספי געשמאקע פרישע עסן, דער צדיק לערנט מיר אויס איך זאל מיך נישט באגענוגען מיט עפעס א קליינעם פרישטאג, נאר טאקע אזא גרויסע שיינע סעודה ווי עס דארף צו זיין, ער לערנט מיר אויס איך זאל יעדן טאג האבן שיעורים אין אסאך פלעצער אין די תורה.

וואס האב איך מיט פוסטע חשבונות צו דער איז גערעכט צו יענער איז גערעכט ועמען אינטערעסירט עס... ענק אלעעע זענען גערעכט!

מ'האט דיך געגעבן א פיינע פרישטאג זאג שכח אייבערשטער! וואש דיך, מאך א ערליכע ברכה, עס צו די זעט נאכדעם נעם א בענטשער און בענטש ערליך און זיי פריילך!

# ווער ווייסט ווער?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?




תשובה פון די פריערדיגע וואך



דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיטן
רב פון מירון הרב מאיר שטערן ז"ל שנת תשע"ה

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

### די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם
### אינעם קומענדיגן בלעטל

# קלאסיפייד


## KB Seamstress

**Professional Finish  Best Prices**

*Have your job done in 1 week*

*Special expedite service! have your job done in 2 business days for double price*

*All prices are given after job is done*

*Drop off your bag at my door any time with your name, phone number and information I need to know*

*For your convenience we sell basic sewing supplies and accessories for school and home use*

NEW NEW

EZ camp lables, EZ lastic, Fabric scissors, small scissors, pins, hand needles, tape measure, triangle chalk, bobbins, permanent marker, seam ripper, tracing paper, tracing wheel, magnet tray, basic colors thread, zippers, shirt buttons, bekisha buttons, hook & eyes, snaps, rubber; clear shoe box containers.

Looking forward to serve you

Mrs. Weberman - 136 Hsuchke Rd - 845-662-4083

## Catskills expediting

For all your property submittals, approvals, permits, assistance, legal and practical, Is the New York Catskills.
Feel free to contact the professional Catskills Expediting team

917-379-5063
catskillsexpediting@gmail.com

Relax! We do the max

## PLUMBING SERVICE

For all your plumbing needs
Specializing in:
New construction• camps and country's
• booster pumps • waterworks and more

Call LAZER MAINTENANCE
917-202-1206

פאר א דירה אדער א אכסניא אין שטעטל
פאר קומענדיגן יום טוב שבועות הבעל"ט
ביטע רופט משפחת זוסמאן
845-837-9224

## LOUNGE
computer + comfort

BROWSE AND RELAX.
INDULGE,
WITH OUR
DRINKS AND SNACKS.

462 Twin Bridge Rd, Ferndale, NY 12734
347 525 5681

# קלאסיפייד'ס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

ברסלב
שטיצע
ברסלב

**דירות אין שטעטל פאר א קורצע צייט**

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244
יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618
יואל וועבערמאן – 845-662-8423
יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122
אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566
ראובן בידנבוים – 347-549-5625
גרעסערע דירה – 845-637-5367

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES

We take care of all your bookkeeping and billing needs

Ephraim Feldman
845-587-2421
kbbsbookkeeping@gmail.com

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת און פאר גאנץ זומער, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

HURLEYVILLE
LEASING

**LUXURY.**
**PERFORMANCE.**
**STYLE.**
*Upgrade your drive today!*

YOUR NEW SET OF WHEELS, JUST A PHONE CALL AWAY!



SALES@HURLEYVILLELEASING.COM | 845-720-0041 | WWW.HURLEYVILLELEASING.COM

**קומט איר צו די קעטסקילס?**



free delivery with minimum order

מיר האבן א גרויסע אויסוואל
פון אלע ספרים Judaica
און ביכער פאר קליין און גרויס

קרית ברסלב
ספרים & judaica

מיר זענען אפען א גאנץ יאר
אפען טעגליך 9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
פרייטאג 9:00 צופרי ביז א האלבע שעה פארן זמן
מוצאי שבת - האלבע שעה נאכן זמן - ביז 1:00

51 Twin Bridge Rd Liberty New York 12754 left side entrance 347-578-4449

סעט פון 120 מחנים ביכלעך
לעמינעט רעג. $625 יעצט פאר $499
נישט לעמינעט רעג. $325 יעצט פאר $249

WEEKLY SPECIAL

## קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

פרשת בהר בחוקותי

## חידות אפטיילונג

**ווען ר' שמעון בר יוחאי איז געקומען צו א שטאט האט ער געזאגט מ'זאל אים טראגן צו די וואס היטן די שטאט, האט מען אים געפרעגט: "ווער היט די שטאט?" האט ער געענטפערט**

| | |
|---|---|
| א. פאליציי | ה. שומרים |
| ב. פייער לעשער | ו. שמירה |
| ג. הצלה | ז. קינדער וואס זיצן און לערנען די הייליגע תורה |
| ד. מיליטער | |

### שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט פאר ר' נתן: און ווייטער איז גוט זיך אויסצורעדן דאס הארץ צום אייבערשטן אזוי ווי מ'רעדט זיך אויס צו א גוטע פריינט**

### געוואונער פון פאריגע וואך

## לאה סאלז תחי' - בארא פארק

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

דער הייליגער
רבי האט אמאל
געזאגט פאר ר' נתן:
"און ווייטער איז גוט זיך
אויסצורעדן דאס הארץ
צום אייבערשטן אזוי ווי
מ'רעדט זיך אויס צו
א גוטע פריינט

| | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ד | ל | י | ג | ח | ח | ר | א | א | ע | ס | כ |
| א | ר | ר | א | ו | י | ס | י | כ | ע | כ | מ |
| ס | ג | ט | ת | ז | ו | י | כ | כ | י | צ | ר |
| מ | ע | ש | צ | ס | ב | י | צ | ז | ס | ע | כ |
| צ | ז | ר | כ | ע | ט | א | צ | ס | ט | ט | ה |
| ר | א | ז | ר | ר | ל | נ | ד | י | ל | ו | ת |
| ה | ג | ש | כ | א | ס | ו | י | ו | כ | ג | ב |
| ז | ט | ע | מ | נ | ר | ו | נ | י | מ | ו | א |
| נ | פ | א | ר | צ | ו | ה | ז | ע | ר | ב | י |
| ס | נ | ת | נ | ט | ר | א | א | ע | ע | פ | ז |
| ע | א | ו | צ | צ | י | ט | ג | ז | ד | נ | ט |
| ע | פ | ר | כ | ו | מ | י | י | י | ט | ד | ב |
| ב | ע | ב | ז | מ | ל | ה | מ | י | ש | ע | ג |
| ד | ג | א | ו | י | ס | צ | ו | ר | ע | ד | נ |
| ע | ו | פ | י | נ | פ | נ | ד | ד | ר | ג | ל |
| ע | ט | ה | י | ט | פ | ז | כ | ג | ג | ג | ט |

## טרעף די וועג

### העלף נחמן נתן אנקומען פון איין זייט קעסטל צום צווייטן



## לאמיר שפילן סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | 4 | | |
| 1 | | | | | 2 |
| | | 1 | | 6 | |
| 5 | | | | 4 | 3 |
| | | | | 5 | |
| | | 3 | | | |

## שיחות פון רבי'ן פארהער

### וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילדער?






### ענטפער פון פאריגע וואך

דער רבי האט געזאגט: "ווער ס'וועט קומען צו מיין ציון פאר די זיבן יאר, וועט גיין צו די חתונה מיט א ריינע העמד"

טרעף
10 חילוקים

## טרעף 10 חילוקים
## צווישן די צוויי בילדער







אויפן בילד: ערב שבועות תשפ"א
אין בית המדרש קרית ברסלב ליבערטי

# עצות אמונה

בחינה

## פרשת אחרי קדושים תשפ"ג

### פון רעכטס צו לינקס

5. ווען איינער וויל דיך אנרירן זאלסטו טון ____ זאכן; אנטלויפן, שרייען, און דערציילן

7. צו שמחה קען מען זוכה זיין אז מען ____ דעם אייבערשטן יעדן טאג אויף שמחה

8. אויב דו גלייבסט אז דו קענסט טון שלעכטס, גלייב אז דו קענסט ____

10. ווי מער מען בעט דעם אייבערשטן אויף אמונה, אלץ שטערקער ווערט די ____

13. נאר דער וואס איז עוסק מיט ____, דער איז א צופרידענער

15. וואס דארפסטו מאכן א גאנצע ____ פון יעדע קליינע זאך?

19. די בעסטע, שטערקסטע און וואונדערליכסטע סגולה, איז ____ און לויבן דעם אייבערשטן

20. דאס אליין אז מען לערנט און מען איז ____, דאס איז דאך די גרעסטע זאך

### פון אויבן אראפ

1. עלטערן דארפן אסאך בעטן דעם אייבערשטן פאר די ____ און פאר די אייניקלעך

2. פון ____ האט מען גארנישט, מען ווערט משוגע, מען האט נישט קיין טעם אין לעבן

3. בעטן דעם אייבערשטן וואס מען וויל, דאס איז די בעסטע ____

4. מיט אמונה איז דער לעבן אזוי שיין און ____

6. ווער עס פאלגט דעם ____ וועט ביים סוף זוכה זיין צו גאר שיינע זאכן

9. אויף אלע דיינע בזיונות זאלסטו ____, נעם עס אן פאר כפרת עוונות

11. עס איז געווען א געשמאקע קאלטע ____, אלע האבן זיך גע'טובל'ט

12. ווען עס קומט צו ____ איז דאס נישט קיין זאך פון שנארן, דאס איז די גרעסטע זאך

14. ____ איז שטערקער פון אלעס

16. אלע ברכות אין שטוב קומט ווען עס איז דא ____ ____

17. ווען א אידיש קינד זאגט ____, הערן זיך צו אלע מלאכים און זינגען מיט

18. זאג משניות כסדרן דוקא, דאס וועט דיר מאכן פאר א גרויסע ____



# קליין און שיין



שמואלי בירנבוים נ"י - קרית ברסלב




שמואלי בירנבוים נ"י - קרית ברסלב
געמאלן דעם רבינ'ס ציון



אברהם ישעי' קויפמאן נ"י - טשעסטער



שמואלי בירנבוים נ"י - קרית ברסלב
ביים גיין הפצה ביי די הייזער






אליעזר שלמה אינדיג נ"י
און נחמן נתן בלום נ"י - קרית ברסלב.



## שיקט אריין א בילד
## פון אייער קינד

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

חי׳ צירל פֿורסט תחי׳ - קרית ברסלב פֿארציילט:




געמאלן דורך: רותי מזרחי







נחמן חיים בירנבוים נ״י - קרית ברסלב פֿארציילט:




געמאלן דורך: נחמן חיים בירנבוים






# בילדער ארכיוון

## שבועות אין שטעטל

## שנת תשפ"א




מו"ה אייזיק אפפעל היו גרייט צו דעם בית המדרש הערליך שיין לכבוד שבועות




ריקודין מוצאי יום טוב שבועות


